# דעם רבינ'ס מעשיות

ספּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת
מֵרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
זיע"א

הַמַּעֲשֶׂה עִם הַבְּחִינוֹת
בִּלְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ - וְאִידִישׁ

מעשה ט'
מחכם ותם (4)
גליון 59


## שַׁבַּת שָׁלוֹם קוֹרְאִים יְקָרִים!

**בַּמַּעֲשֶׂה הַשָּׁבוּעַ** כְּבָר מַתְחִילָה לְהִתְגַּלּוֹת גַּדְלוּתוֹ שֶׁל הַתָּם, שֶׁעוֹלֶה מִדַּרְגָּה לְדַרְגָּה וַעֲדַיִן מַמְשִׁיךְ לִנְהֹג בִּתְמִימוּת, בְּשִׂמְחָה וּבְיֹשֶׁר, כְּמוֹ שֶׁאָמַר לֶחָכָם בֶּאֱמוּנָה תְּמִימָה **"אֵצֶל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הַכֹּל אֶפְשָׁר, וְיָכוֹל לִהְיוֹת כְּהֶרֶף עַיִן"**. וְהֶחָכָם שֶׁצָּחַק מִמֶּנּוּ כָּל כָּךְ, מִתְגַּלֶּה גַּם כֵּן שִׁפְלוּתוֹ וְקַטְנוּת דַּעְתּוֹ, כְּמוֹ שֶׁרַבֵּנוּ מְסַפֵּר: **"וְנַעֲשׂוּ עֲנִיִּים הוֹלְכֵי רַגְלַיִ, וְנִסְתַּלֵּק חֲשִׁיבוּתָם, וְלֹא הָיוּ נֶחְשָׁבִים כְּלָל, כִּי לֹא הָיוּ מַשְׁגִּיחִים עֲלֵיהֶם כְּלָל, עַל אֶבְיוֹנִים כְּמוֹתָם"** שֶׁנָּפַל לְתַחְתִּית הַמַּדְרֵגָה מַמָּשׁ.

**רַבֵּנוּ ז"ל** מְלַמֵּד אוֹתָנוּ שֶׁתְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת זֶה עֲבוֹדַת חַיִּים, זֶה הַשַּׁעַר לְכָל הַהַשָּׂגוֹת וְהַדְּרָגוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת, וְכָל אֶחָד יָכוֹל לִזְכּוֹת לָזֶה אִם יַשְׁלִיךְ אֶת דֶּרֶךְ הֶחָכָם מִתּוֹכוֹ, וִיחַזֵּק אֶת הַתְּמִימוּת שֶׁבּוֹ, עַל יְדֵי שֶׁיַּרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִנְהֹג בְּמִנְהֲגֵי הַתָּם, **שֶׁהָיָה רַק מָלֵא שִׂמְחָה תָּמִיד,** וְהִסְתַּפֵּק בְּמוּעָט, לֹא הִסְתַּכֵּל עַל מַעֲשֵׂי אֲחֵרִים, וְלֹא הָלַךְ בִּגְדוֹלוֹת וּבְנִפְלָאוֹת מִמֶּנּוּ, וְהָיָה מוּכָן לַעֲמֹל קָשֶׁה בְּלִי לִרְאוֹת הַצְלָחוֹת מִיָּד, וְצָרִיךְ בִּשְׁבִיל זֶה הַרְבֵּה הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, בַּקָּשָׁה וּצְעָקָה לַה' יִתְבָּרַךְ כְּדֵי לִזְכּוֹת לָלֶכֶת בִּתְמִימוּת בֶּאֱמֶת. כְּמוֹ שֶׁאָנוּ רוֹאִים אֵצֶל הַתָּם הַקָּדוֹשׁ, עַל יְדֵי הַתְּמִימוּת אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת לְכָבוֹד אֲמִתִּי דִּקְדֻשָּׁה, וְגַם **"וַיִּיטַב בְּעֵינֵי הַמֶּלֶךְ מְאֹד מְאֹד וּמִנָּה הַמֶּלֶךְ אוֹתוֹ, שֶׁיִּהְיֶה מִינִיסְטֶר [שַׂר] עַל כָּל הַמִּינִיסְטֶרִישׁ [שָׂרִים]"** אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ הָיוּ מְפָרְשִׁים בָּזֶה שֶׁזָּכָה שֶׁה' יִתְבָּרַךְ נָתַן לוֹ מֶמְשָׁלָה עַל כָּל הָאֵיבָרִים שֶׁלּוֹ, לְהַכְנִיעָם לַה' יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת, **אַשְׁרֵי לוֹ.**

**לִפְנֵי פְּטִירָתוֹ שֶׁל מוֹהַרְנַ"תְּ הִתְאַנֵּחַ, אַחַר כָּךְ אָמַר לְאַנַ"שׁ:** מָה אַתֶּם חוֹשְׁבִים מַדּוּעַ אֲנִי מִתְאַנֵּחַ, אוּלַי מִשּׁוּם שֶׁמִּעַטְתִּי בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה, לֹא! כַּמָּה שֶׁיָּכֹלְתִּי שָׁמַרְתִּי עַל הַזְּמַן - אוּלָם מִתְאַנֵּחַ אֲנִי, כִּי מִי יוֹדֵעַ אִם יָצָאתִי יְדֵי חוֹבַת הַתְּמִימוּת שֶׁלִּמְּדָנוּ רַבֵּנוּ, **"וָואס מֵיינְט אִיר קְרֶעכְץ אִיךְ וַוייל אִיךְ הָאבּ מְמַעֵט גֶוועֶן אִין תּוֹרָה וּתְפִלָּה - וִויפְל אִיךְ הָאבּ גִיקֶענְט הָאבּ אִיךְ גֶעהִיט דִּי צַייט, נָאר וֶוער וַוייסְט צוּ אִיךְ הָאבּ יוֹצֵא גִיוֶוען דָּאס תְּמִימוּת פוּן דֶעם רֶעבְּן".** (שש"ק תריג)

## שַׁבַּת שָׁלוֹם וּמְבֹרָךְ!



## סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת - מַעֲשֶׂה ט' מֵחָכָם וְתָם (4)
## שֶׁסִּפְּרָהּ רַבֵּנוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א - (בלשה"ק)

**עָנָה וְאָמַר זֶה הֶחָכָם** (הַיְנוּ הֶחָכָם הָרִאשׁוֹן, שֶׁהוּא חֲבֵרוֹ שֶׁל הַתָּם, כִּי כָּל זֶה־הַכֹּל מִדְּבָרָיו שֶׁל אוֹתוֹ הֶחָכָם הָרִאשׁוֹן חֲבֵרוֹ שֶׁל הַתָּם, שֶׁאַחַר שֶׁהִשְׁתּוֹמֵם וְהִתְמִיהַּ עַצְמוֹ מְאֹד כַּנַּ"ל עָנָה בְּעַצְמוֹ דְּבָרִים אֵלּוּ וְאָמַר לְהֶחָכָם הַשָּׁלִיחַ):

**תֵּדַע מַה שֶּׁאֲנִי אוֹמֵר.** דַּעְתִּי, שֶׁבְּהֶכְרֵחַ הַדָּבָר מוּבָן וּמְבֹרָר, שֶׁאֵין מֶלֶךְ בָּעוֹלָם כְּלָל, וְכָל הָעוֹלָם טוֹעִים בַּשְּׁטוּת הַזֶּה, שֶׁסּוֹבְרִים, שֶׁיֵּשׁ מֶלֶךְ.

**וּרְאֵה וְהָבֵן,** אֵיךְ אֶפְשָׁר זֹאת, שֶׁכָּל בְּנֵי־הָעוֹלָם יִמְסְרוּ עַצְמָן לִסְמֹךְ עַל אִישׁ אֶחָד, שֶׁהוּא הַמֶּלֶךְ? בְּוַדַּאי אֵין מֶלֶךְ בָּעוֹלָם כְּלָל.

**הֵשִׁיב הֶחָכָם הַשָּׁלִיחַ הַנַּ"ל:** הֲלֹא אֲנִי הֵבֵאתִי לְךָ אִגֶּרֶת מֵהַמֶּלֶךְ! שָׁאַל אוֹתוֹ הֶחָכָם הָרִאשׁוֹן הַנַּ"ל. הַאַתָּה בְּעַצְמְךָ קִבַּלְתָּ הָאִגֶּרֶת מִיַּד הַמֶּלֶךְ בְּעַצְמוֹ מַמָּשׁ? הֵשִׁיב לוֹ: לָאו, רַק אִישׁ אַחֵר נָתַן בְּיָדַי הָאִגֶּרֶת בְּשֵׁם הַמֶּלֶךְ.

**עָנָה וְאָמַר:** עַתָּה רְאֵה בְּעֵינֶיךָ, שֶׁדְּבָרַי כֵּנִים, כִּי אֵין מֶלֶךְ כְּלָל.

**וְחָזַר וְשָׁאַל אוֹתוֹ:** תֹּאמַר לִי; הֲלֹא אַתָּה מִן הָעִיר מְלוּכָה וּמְגֻדָּל שָׁם מִיָּמֶיךָ, הַגִּידָה לִי: הֲרָאִיתָ מִיָּמֶיךָ אֶת הַמֶּלֶךְ? הֵשִׁיב לוֹ: לָאו (כִּי בֶּאֱמֶת כֵּן הַדָּבָר, שֶׁלֹּא כָּל אֶחָד וְאֶחָד זוֹכֶה לִרְאוֹת אֶת הַמֶּלֶךְ, כִּי אֵין הַמֶּלֶךְ מִתְרָאֶה, רַק בְּעִתִּים רְחוֹקוֹת מְאֹד).

**עָנָה הֶחָכָם הָרִאשׁוֹן וְאָמַר:** עַתָּה רְאֵה גַּם רְאֵה, שֶׁדְּבָרַי בְּרוּרִים וּמְבֹרָרִים שֶׁבְּוַדַּאי אֵין מֶלֶךְ כְּלָל, כִּי הֲלֹא אֲפִלּוּ אַתָּה לֹא רָאִיתָ אֶת הַמֶּלֶךְ מֵעוֹלָם.

**שׁוּב שָׁאַל** הֶחָכָם הַשָּׁלִיחַ: אִם כֵּן מִי מַנְהִיג הַמְּדִינָה? הֵשִׁיב הֶחָכָם הָרִאשׁוֹן: זֹאת אֲנִי אֲסַפֵּר לְךָ הַבֵּרוּר, כִּי מִמֶּנִּי תִּשְׁאַל, כִּי אֲנִי בָּקִי בָּזֶה, כִּי הָיִיתִי מְשׁוֹטֵט בַּמְּדִינוֹת, וְהָיִיתִי בִּמְדִינַת אִיטַלְיָה, וְכָךְ הַמִּנְהָג, שֶׁיֵּשׁ שִׁבְעִים שָׂרֵי יוֹעֲצִים (שֶׁקּוֹרִין רַאטְהֵיירִין), וְהֵם עוֹלִים וּמַנְהִיגִים הַמְּדִינָה זְמַן מְיֻחָד, וְעִם זֶה הַשְּׂרָרוּת חוֹלְקִין עַצְמָן כָּל בְּנֵי־הַמְּדִינָה בָּזֶה אַחַר זֶה.

**וְהִתְחִילוּ דְּבָרָיו** לִכְנֹס בְּאָזְנֵי הֶחָכָם הַשָּׁלִיחַ, עַד שֶׁהִסְכִּימוּ וְגָזְרוּ, שֶׁבְּוַדַּאי אֵין מֶלֶךְ בָּעוֹלָם כְּלָל.

**שׁוּב עָנָה הֶחָכָם הָרִאשׁוֹן:** הַמְתֵּן עַד הַבֹּקֶר, אֲבָרֵר לְךָ עוֹד בְּבֵרוּר אַחַר בֵּרוּר, שֶׁאֵין מֶלֶךְ בָּעוֹלָם כְּלָל. וַיַּשְׁכֵּם הֶחָכָם הָרִאשׁוֹן בַּבֹּקֶר (הֶחָכָם, שֶׁהוּא חֲבֵרוֹ שֶׁל הַתָּם אָנוּ קוֹרְאִים אוֹתוֹ תָּמִיד בְּשֵׁם הֶחָכָם הָרִאשׁוֹן), וְהֵקִיץ אֶת חֲבֵרוֹ הֶחָכָם הַשָּׁלִיחַ וְאָמַר לוֹ: בּוֹא עִמִּי אֶל הַחוּץ, וְאַרְאֶךָּ הַדָּבָר בְּבֵרוּר, אֵיךְ הָעוֹלָם כֻּלּוֹ בְּטָעוּת, וּבֶאֱמֶת אֵין מֶלֶךְ כְּלָל, וְכֻלָּם בְּטָעוּת גָּדוֹל.

**וְהָלְכוּ בַּשּׁוּק,** וְרָאוּ אִישׁ־חַיִל אֶחָד, וְתָפְסוּ אוֹתוֹ וְשָׁאֲלוּ אוֹתוֹ: לְמִי אַתָּה עוֹבֵד? הֵשִׁיב: אֶת הַמֶּלֶךְ. (שָׁאֲלוּ אוֹתוֹ:) הֲרָאִיתָ אֶת הַמֶּלֶךְ מִיָּמֶיךָ? לָאו. עָנָה וְאָמַר: רְאֵה, הֲיֵשׁ שְׁטוּת כָּזֶה?!

**שׁוּב הָלְכוּ** אֶל אָדוֹן אֶחָד מִן הַחַיִל, וְנִכְנְסוּ עִמּוֹ בִּדְבָרִים, עַד שֶׁשְּׁאָלוּהוּ: לְמִי אַתָּה עוֹבֵד? אֶת הַמֶּלֶךְ. הֲרָאִיתָ אֶת הַמֶּלֶךְ? לָאו. עָנָה וְאָמַר: עַתָּה רְאֵה בְּעֵינֶיךָ, שֶׁהַדָּבָר מְבֹרָר, שֶׁכֻּלָּם טוֹעִים, וְאֵין מֶלֶךְ כְּלָל בָּעוֹלָם. וְנִסְכַּם בֵּינֵיהֶם הַדָּבָר, שֶׁאֵין מֶלֶךְ כְּלָל.

**עָנָה הֶחָכָם וְאָמַר עוֹד:** בּוֹא וְנִסַּע וְנֵלֵךְ בָּעוֹלָם, וְאַרְאֶךָּ עוֹד אֵיךְ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ בְּטָעוּתִים גְּדוֹלִים, וְהָיוּ הוֹלְכִים וְנוֹסְעִים בָּעוֹלָם, וּבְכָל מָקוֹם שֶׁבָּאוּ, מָצְאוּ אֶת הָעוֹלָם בְּטָעוּת.

**וּדְבַר הַמֶּלֶךְ הַנַּ"ל** נַעֲשָׂה אֶצְלָם לְמָשָׁל, וּבְכָל מָקוֹם שֶׁמָּצְאוּ הָעוֹלָם בְּטָעוּת, לָקְחוּ אֶת הַמֶּלֶךְ לְמָשָׁל: כְּמוֹ שֶׁזֶּה אֱמֶת, שֶׁיֵּשׁ מֶלֶךְ, כֵּן הַדָּבָר הַזֶּה.

**וְהָיוּ הוֹלְכִים** וְנוֹסְעִים עַד שֶׁכָּלָה מַה שֶּׁבְּיָדָם, וְהִתְחִילוּ לִמְכֹּר סוּס אֶחָד וְאַחַר־כָּךְ הַשֵּׁנִי, עַד שֶׁמָּכְרוּ כֻּלָּם, עַד שֶׁהֻכְרְחוּ לֵילֵךְ רַגְלִי, וְתָמִיד הָיוּ חוֹקְרִים הָעוֹלָם, וּמָצְאוּ שֶׁהָעוֹלָם בְּטָעוּת.

**וְנַעֲשׂוּ עֲנִיִּים** הוֹלְכֵי רַגְלִי, וְנִסְתַּלֵּק חֲשִׁיבוּתָם, וְלֹא הָיוּ נֶחֱשָׁבִים כְּלָל, כִּי לֹא הָיוּ מַשְׁגִּיחִים עֲלֵיהֶם כְּלָל, עַל אֶבְיוֹנִים כְּמוֹתָם.

**וְנִתְגַּלְגֵּל הַדָּבָר**, וְהָיוּ הוֹלְכִים וְסוֹבְבִים, עַד שֶׁבָּאוּ אֶל הָעִיר, שֶׁדָּר בָּהּ הַמִּינִיסְטֶר הַנַּ"ל (שֶׁהוּא הַתָּם, חֲבֵרוֹ שֶׁל הֶחָכָם הַנַּ"ל),

**וְשָׁם**, בְּאוֹתָהּ הָעִיר, הָיָה בַּעַל־שֵׁם אֲמִתִּי, וְהָיָה חָשׁוּב מְאֹד, כִּי עָשָׂה דְּבָרִים נִפְלָאִים, וַאֲפִלּוּ בֵּין הַשָּׂרִים הָיָה חָשׁוּב וּמְפֻרְסָם,

**וְאֵלּוּ הַחֲכָמִים** בָּאוּ לְאוֹתָהּ הָעִיר, וְהָלְכוּ וְסָבְבוּ וּבָאוּ לִפְנֵי בֵּית הַבַּעַל־שֵׁם, וְרָאוּ, שֶׁהָיוּ עוֹמְדִים שָׁם כַּמָּה עֲגָלוֹת, אַרְבָּעִים וַחֲמִשִּׁים, עִם חוֹלִים.

**וְסָבַר הֶחָכָם**, שֶׁשָּׁם דָּר דָּאקְטִיר, וְהָיָה רוֹצֶה לִכָּנֵס לְבֵיתוֹ מֵחֲמַת שֶׁגַּם הוּא הָיָה דָּאקְטִיר גָּדוֹל, וְרָצָה לִכָּנֵס לַעֲשׂוֹת הֶכֵּרוּת עִמּוֹ.

**וְשָׁאַל מִי דָּר בְּכָאן?** הֵשִׁיבוּ: **בַּעַל־שֵׁם.** וַיִּמָּלֵא פִּיו שְׂחוֹק, וְאָמַר לַחֲבֵרוֹ: זֶה הוּא שֶׁקֶר וְטָעוּת נִפְלָא מְאֹד, וְזֶה הוּא שְׁטוּת יוֹתֵר מִטָּעוּת שֶׁל הַמֶּלֶךְ. חֲבֵרִי! אֲסַפֵּר לְךָ הַשֶּׁקֶר הַזֶּה כַּמָּה וְכַמָּה הָעוֹלָם בְּטָעוּת בְּשֶׁקֶר כָּזֶה.

**בְּתוֹךְ כָּךְ הָיוּ רְעֵבִים**, וּמָצְאוּ עֲדַיִן אֶצְלָם שְׁלֹשָׁה־אַרְבָּעָה גְּדוֹלִים. וְהָלְכוּ אֶל בֵּית־הַתַּבְשִׁיל, (שֶׁקּוֹרִין גָּאר־קֶעךְ), וְשָׁם מוֹצְאִים לֶאֱכֹל אֲפִלּוּ בְּעַד שְׁלֹשָׁה אוֹ אַרְבָּעָה גְּדוֹלִים.

**וְצִוּוּ לִתֵּן לָהֶם מַאֲכָל**, וְנָתְנוּ לָהֶם. בְּתוֹךְ שֶׁהָיוּ אוֹכְלִים, הָיוּ מְסַפְּרִים וּמִתְלוֹצְצִים מֵהַשֶּׁקֶר וְטָעוּת שֶׁל דְּבַר הַבַּעַל־שֵׁם.

**וְהַבַּעַל הַגָּאר־קֶעךְ שָׁמַע דִּבְרֵיהֶם**, וְחָרָה לוֹ מְאֹד, כִּי הַבַּעַל־שֵׁם הָיָה חָשׁוּב שָׁם מְאֹד. וַיֹּאמֶר לָהֶם: אִכְלוּ לָכֶם מַה שֶּׁיֵּשׁ לִפְנֵיכֶם וּצְאוּ מִכָּאן. אַחַר־כָּךְ בָּא לְשָׁם **בֶּן הַבַּעַל־שֵׁם**, וְהֵם עֲדַיִן הָיוּ מִתְלוֹצְצִים מִן הַבַּעַל־שֵׁם בִּפְנֵי בְּנוֹ.

**וְגָעַר בָּהֶם** הַבַּעַל גָּאר־קֶעךְ עַל שֶׁהֵם מִתְלוֹצְצִים מִן הַבַּעַל־שֵׁם בִּפְנֵי בְּנוֹ, עַד שֶׁהִכָּה אוֹתָם הַכֵּה וּפָצוֹעַ וּדְחָפָם מִבֵּיתוֹ. וְחָרָה לָהֶם מְאֹד, וְרָצוּ לְבַקֵּשׁ מִשְׁפָּט עַל הַמַּכֶּה אוֹתָם. וְנִתְיַשְּׁבוּ לֵילֵךְ אֶל הַבַּעַל הַבַּיִת שֶׁלָּהֶם, שֶׁהִנִּיחוּ שָׁם הַחֲבִילוֹת שֶׁלָּהֶם, לְהִתְיַעֵץ עִמּוֹ אֵיךְ לְהַשִּׂיג מִשְׁפָּט עַל הַנַּ"ל.

**וּבָאוּ וְסִפְּרוּ לוֹ**, שֶׁבַּעַל הַגָּאר־קֶעךְ הִכָּה אוֹתָם מְאֹד. וְשָׁאַל לָהֶם: לָמָּה? וְסִפְּרוּ לוֹ, שֶׁדִּבְּרוּ עַל הַבַּעַל־שֵׁם. הֵשִׁיב לָהֶם: בְּוַדַּאי אֵינוֹ יָשָׁר לְהַכּוֹת בְּנֵי־אָדָם, אֲבָל אַתֶּם לֹא עֲשִׂיתֶם נְכוֹנָה כְּלָל, שֶׁדִּבַּרְתֶּם עַל הַבַּעַל־שֵׁם, **כִּי הַבַּעַל־שֵׁם חָשׁוּב כָּאן מְאֹד.**

**וְרָאוּ**, שֶׁאֵין בּוֹ מַמָּשׁ, וְגַם הוּא בְּטָעוּת, וְהָלְכוּ מִמֶּנּוּ אֶל הַפָּקִיד (וְהַפָּקִיד הָיָה עַכּוּ"ם) וְסִפְּרוּ לוֹ הַמַּעֲשֶׂה, שֶׁהִכּוּ אוֹתָם. שָׁאַל: עַל מָה? הֵשִׁיבוּ, שֶׁדִּבְּרוּ עַל הַבַּעַל־שֵׁם, וְהִכָּה אוֹתָם הַפָּקִיד הַכֵּה וּפָצוֹעַ וּדְחָפָם מִבֵּיתוֹ.

**וְהָלְכוּ מִזֶּה לָזֶה;** מִמּוֹשֵׁל לְמוֹשֵׁל גָּבוֹהַּ מִמֶּנּוּ, עַד שֶׁבָּאוּ לִפְנֵי הַמִּינִיסְטֶר הַנַּ"ל.

**וְשָׁם**, לִפְנֵי בֵּית הַמִּינִיסְטֶר, עוֹמְדִים אַנְשֵׁי־חַיִל, דְּהַיְנוּ וַואכְן, וְהוֹדִיעוּ לְהַמִּינִיסְטֶר, שֶׁאִישׁ אֶחָד צָרִיךְ אֵלָיו, וְצִוָּה שֶׁיִּכְנֹס.

**וּבָא אוֹתוֹ הֶחָכָם** לִפְנֵי הַמִּינִיסְטֶר, וְתֵכֶף בְּבוֹאוֹ הִכִּירוֹ הַמִּינִיסְטֶר שֶׁזֶּהוּ הֶחָכָם חֲבֵרוֹ כַּנַּ"ל, וְהֶחָכָם לֹא הִכִּירוֹ מֵחֲמַת שֶׁהָיָה בִּגְדֻלָּה כָּזוֹ. וְתֵכֶף הִתְחִיל הַמִּינִיסְטֶר וְדִבֵּר אֵלָיו: **רְאֵה תְּמִימוּתִי לְמַה שֶּׁהֵבִיא אוֹתִי, לִגְדֻלָּה כָּזוֹ, וְאֶל מָה חָכְמָתְךָ הֵבִיאָה אוֹתְךָ?.**

**און ווִי עֶר פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ אַזוֹי.** רוּפְט עֶר זִיךְ אָן (צוּ דֶעם אַנְדֶערְן חָכָם דֶער שְׁלִיחַ וָואס הָאט דֶעם בְּרִיוו גִיבְּרַאכְט) וֶוייסְטוּ וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן.

**הָאט מַיין דֵיעָה** אִיז אַז סֶע אִיז גִידְרוּנְגֶען. אַז סֶע אִיז גָאר קֵיין מֶלֶךְ נִיט דָא אִין דֶער וֶועלְט. און דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ דְרִינֶען טוֹעֶה זֵיי מֵיינֶען אַז סֶע אִיז דָא אַ מֶלֶךְ. אַדְרַבָּא פַארְשְׁטֵיי. ווִי גִישִׁיקְט זִיךְ דָאס. אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. זָאל זִיךְ אָפְּגִיבְּן צוּ אֵיין מֶענְשְׁן אִין דֶער הַאנְט אַרַיין. אַז עֶר זָאל זַיין דֶער מֶלֶךְ. סֶע אִיז אַוַודַאי קֵיין מֶלֶךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט נִיט דָא.

**עֶנְפֶּערְט** דֶער חָכָם דֶער שְׁלִיחַ. אִיךְ הָאבּ זִיךְ דִיר גִיבְּרַאכְט **אַ בְּרִיוו פוּן דֶעם מֶלֶךְ**. פְּרֶעגְט אִים דֶעם חָכָם (דֶער חָבֵר פוּן דֶעם תָּם) הָאסְטוּ אַלֵיין גִינוּמֶען דֶעם בְּרִיוו בַּאם מֶלֶךְ אוֹיס דֶער הַאנְט אַרוֹיס. עֶנְפֶּערְט עֶר אִים. נֵיין. נָאר אַנַאנְדֶערֶער מֶענְשׁ הָאט מִיר גִיגִיבְּן דֶעם בְּרִיוו פוּן דֶעם מֶלֶךְ. רוּפְט עֶר זִיךְ אָן. נָא אַדְרַבָּא.

**הַיינְט** זֶעה מִיט דַיינֶע אוֹיגְן. אַז אִיךְ בִּין גִירֶעכְט אַז סֶע אִיז גָאר קֵיין מֶלֶךְ נִיט פַאר הַאנְדְן. פְּרֶעגְט עֶר אִים ווִידֶער (דֶער חָכָם דֶער חָבֵר פוּן דֶעם תָּם דֶעם אַנְדֶערְן חָכָם דֶעם שְׁלִיחַ) זָאג מִיר נָאר. דוּ בִּיסְט זִיךְ פוּן דֶער עִיר מְלוּכָה און דוּ בִּיסְט דָארְט גִיוַואקְסְן גִיוָוארְן. זָאג מִיר הָאסְטוּ וֶוענְס גִיזֶעהְן דֶעם מֶלֶךְ. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶּערְט. נֵיין. רוּפְט עֶר זִיךְ אָן.

**הַיינְט** זֶעה אַז אִיךְ בִּין גִירֶעכְט אַז סֶע אִיז בְּוַודַאי גָאר קֵיין מֶלֶךְ נִיט פַארְהַאנְדְן. וָוארְן אָט אַפִילוּ דוּ הָאסְט קֵיין מָאל דֶעם מֶלֶךְ נִיט גִיזֶעהְן.

**הָאט ווִידֶער** דֶער חָכָם דֶער שְׁלִיחַ גִיפְּרֶעגְט. אַז סֶע אִיז יוֹא אַזוֹי. וֶוער זֶע פִּירְט דִי מְדִינָה.

**הָאט** עֶר אִים גִיעֶנְפֶּערְט (דְהַיינוּ דֶער חָכָם דֶער חָבֵר פוּן דֶער תָּם) דָאס. אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן קְלָאר. וָוארְן אִיךְ בִּין דְרִינֶען גִינִיט. און מִיךְ זָאלְסְטוּ פְּרֶעגְן. וָוארִין אִיךְ בִּין אוֹיסְן גִיוֶוען לֶענְדֶער. בִּין אִיךְ גִיוֶוען. אִין אִיטַלְיָא. אִיז אַזוֹי דֶער מִנְהָג. סֶע אִיז פַארְהַאנְדְן זִיבְּצִיג רַאטְהֵייִרִין און זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיף און פִּירְן דִי מְדִינָה אַ צַייט. און מִיט דֶעם שְׂרָרָה שַׁאפְּט טֵיילְן זִיךְ אַיין דִי גַאנְצֶע מְדִינָה אֵיינֶער נָאךְ דֶעם אַנְדֶערְן (דְהַיינוּ פְּרִיר זֶענֶען ד'. דִי רַאטְהֵייִרִין. דֶער נָאךְ גֵייעֶן דִי אַרָאפּ און אַנְדֶערֶע גֵייעֶן אַרוֹיף און פִּירְן דִי מְדִינָה און אַזוֹי אַלֶע מָאל אַנְדֶערֶע)

**הָאבְּן אָן גִיהוֹיבְּן** זַיינֶע רֵייד אַרַיין צוּ גֵיין אִין דִי אוֹיעֶרְן פוּן דֶעם אַנְדֶערְן חָכָם (דְהַיינוּ דֶער שְׁלִיחַ) בִּיז סֶע אִיז בַּיי זֵיי בֵּיידֶע גִיבְּלִיבְּן אַז סֶע אִיז בְּוַודְאַי קֵיין מֶלֶךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט נִיט דָא.

**הָאט זִיךְ ווִידֶער** אָן גִירוּפְן דֶער חָכָם (דֶער חָבֵר פוּן דֶעם תָּם) וַוארְט בִּיז אִין דֶער פְּרִיא וֶועל אִיךְ דִיר נָאךְ דֶערְוַוייזְן קְלָאר אַז סֶע אִיז בְּוַודְאַי קֵיין מֶלֶךְ נִיט דָא.

**הָאט דֶער חָכָם** זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט אִין דֶערְפְרִי. און עֶר הָאט אוֹיף גִיוֶועקְט דֶעם אַנְדֶערְן חָכָם דֶעם שְׁלִיחַ. און הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט קוּם מִיט מִיר אוֹיף דֶער גַאס וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן. ווִי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אִין טָעוּת. און סֶע אִיז גָאר קֵיין מֶלֶךְ נִיט פַארְהַאנְדְן.

**זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען** אִין מַארְק. הָאבְּן זֵיי דֶערְזֶעהְן אַ זֶעלְנֶער הָאבְּן זֵיי אִים אָנְגִיחַאפְּט. און הָאבְּן אִים גִיפְּרֶעגְט וֶועמֶען דִינְסְטוּ. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶּערְט. **דֶעם מֶלֶךְ**. הָאסְטוּ גִיזֶעהְן דֶעם מֶלֶךְ זִינְט דוּ לֶעבְּסְט. עֶנְפֶּערְט עֶר. נֵיין.

**הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפְן** (דְהַיינוּ דֶער עֶרְשְׁטֶער חָכָם דֶער חָבֵר פוּן דֶעם תָּם. אִים רוּפְן מִיר אַלְץ דֶער עֶרְשְׁטֶער חָכָם) און הָאט גִיזָאגְט.

זֶע, אִיז דָא אַזוֹי אֵיין נַיירִישְׁקֵייט (כְּלוֹמֶר דֶער סָאלְדַאט דִינְט דֶעם מֶלֶךְ אוּן עֶר קָאן אִים נִיט. וָוארְן דֶער חָכָם הָאט אַלְץ גִיוָואלְט מִיט זַיין נַארִישֶׁער חָכְמָה דְרוּנְגֶען אַז סֶע אִיז גָאר קֵיין מֶלֶךְ נִיט דָא כַּנַ"ל)

**נָאךְ דֶעם** זֶענֶען זֵיי וִוידֶער גִיגַאנְגֶען צוּ אֵיין אָפִיצִיר פוּן דֶעם חַיִל. אוּן זֵיי זֶענֶען מִיט אִים אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין רֵייד בִּיז זֵיי הָאבְּן אִים גִיפְרֶעגְט. וֶועמֶען **דִינְסְטוּ.** הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. **דֶעם מֶלֶךְ.** הָאסְטוּ גִיזֶעהְן דֶעם מֶלֶךְ. נֵיין.

**הָאט עֶר זִיךְ** אָן גִירוּפֶען. אַדְרַבָּא. הָאט זֶעה מִיט דִי אוֹיגְן אַז זֵיי זֶענֶען אַלֶע זִיךְ טוֹעֶה. אוּן סֶע אִיז קֵיין מֶלֶךְ נִיט דָא (וָוארֶען דֶער אָפִיצִיר הָאט אוֹיךְ נִיט גִיזֶעהְן דֶעם מֶלֶךְ) אִיז צְוִוישְׁן זֵי גִיבְּלִיבְּן אַז סֶע אִיז קֵיין מֶלֶךְ נִיט דָא.

**הָאט זִיךְ דֶער עֶרְשְׁטֶער חָכָם אָן גִירוּפְן.** קוּם לָאמִיר פָארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט. וֶועל אִיךְ דִיר נָאךְ וַוייזְן ווִי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ זֵייעֶר טוֹעֶה אִין גְרוֹיסֶע נַיירִישְׁקֵייט.

**זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען** אוּן זֶענֶען גִיפָארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן אוּמִידוּם ווִי זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען הָאבְּן זֵיי אַלְץ גִיפוּנֶען דִי וֶועלְט אִין **טָעוּת** (כְּלוֹמֶר דִי חֲכָמִים זֶענֶען דוּרְךְ זֵייעֶר חָכְמָה פַאר גַאנְגֶען אִין אַזוֹינֶע נַארִישְׁקֵייט בִּיז זֵיי הָאט זִיךְ גִידַאכְט אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אַלְץ אִין טָעוּת)

**אוּן דִי זַאךְ פוּן דֶעם מֶלֶךְ** (כְּלוֹמֶר דָאס וָואס בַּיי זֵיי אִיז גִיוֶוען אָפְּגִיקְלֶערְט אַז סֶע אִיז קֵיין מֶלֶךְ נִיט דָא) דָאס אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי גִיוָוארִין פַאר אַ מָשָׁל. אוּן ווִי זֵיי הָאבְּן גִיפוּנֶען דִי וֶועלְט אִין טָעוּת.

**הָאבְּן זֵיי גִינוּמֶען דֶעם מֶלֶךְ פַאר אַ מָשָׁל.** אַזוֹי וִוי דָאס אִיז אֱמֶת אַז **סֶע אִיז דָא אַ מֶלֶךְ.** אַזוֹי אִיז דָאס אוֹיךְ.

**זֶענֶען זֵיי אַזוֹי** אוֹיסִין גִיוֶוען דִי וֶועלְט אוּן זֶענֶען גִיפָארִין. בִּיז סֶע אִיז בַּי זֵיי אוֹיס גִיגַאנְגֶען וָואס זֵיי הָאבְּן גִיהַאט.

**הָאבְּן זֵיי אָנְגִיהוֹיבִּין** צוּ פַארְקוֹיפִין אֵיין פֶערְד. אוּן דֶערְנָאךְ דָאס אַנְדֶערֶע. בִּיז זֵיי הָאבִּין אַלֶע פַארְקוֹיפְט. בִּיז זֵיי הָאבְּן גִימוּזְט גֵיין צוּפוּס.

**אוּן תָּמִיד** הָאבְּן זֵיי אַלְץ גִיקְלֶערְט דִי וֶועלְט. אוּן הָאבִּין גִיפוּנֶען אַלְץ אַז דִי וֶועלְט אִיז אִין טָעוּת. אוּן זֵיי זֶענֶען **גִיוָוארִין קַבְּצָנִים פּוּס גֵייעֶרְס.** אוּן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גָאר **נִיט חָשׁוּב גִיוֶוען.** אוּן מֶען הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיף זֵיי גָאר נִיט אוּם גִיקוּקְט אוֹיף אַזוֹינֶע קַבְּצָנִים.

**זֶענֶען זֵיי** אַזוֹי אוֹיסִין גִיוֶוען אוֹיף דֶער וֶועלְט בִּיז סֶע אִיז אוֹיסְגִיקוּמֶען. אַז זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ דֶער שְׁטָאט וָואס דָארְט וואוֹינְט דֶער **מִינִיסְטֶער** הַנַ"ל (דְהַיינוּ דֶער תַּם זַיין חָבֵר פוּן דֶעם חָכָם כַּנַ"ל)

**אוּן דָארְט** אִין דֶער שְׁטָאט אִיז גִיוֶוען אֵיין **אֱמֶתִיר בַּעַל שֵׁם.** אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם אִיז **זֵייעֶר חָשׁוּב גִיוֶוען.** וָוארִין עֶר הָאט גִיטָאן ווִילְדֶע זַאכִין בֶּאֱמֶת אוּן אֲפִילוּ צְוִוישְׁן דִי שְׂרָרוֹת אִיז עֶר גִיוֶוען אַ מְפוּרְסָם אוּן אִיז **בַּיי זֵיי חָשׁוּב גִיוֶוען.**

**אוּן דִי חֲכָמִים** זֶענֶען גִיקוּמֶען אִין דֶער שְׁטָאט אַרַיין. אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוּם גִיגַאנְגֶען. אוּן זֶענֶען אָנְגִיקוּמֶען פַאר דֶער שְׁטוּבּ פוּן דֶעם **בַּעַל שֵׁם** הָאבִּין זֵיי גִיזֶעהְן סֶע שְׁטֵייט דָארְט אַסַאךְ וֶועגֶעלִיךְ מִיט חוֹלִיים. פֶערְצִיג אָבֶער פוּפְצִיג.

**הָאט דֶער חָכָם גִימֵיינְט.** אַז דָארְט וואוֹינְט אַ דָאקְטֶער. הָאט עֶר גִיוָואלְט צוּ אִים אַרַיין גֵיין. מַחְמַת עֶר אִיז זִיךְ אוֹיךְ גִיוֶוען אֵיין גְרוֹיסֶער דָאקְטֶאר. הָאט עֶר גִיוָואלְט אַרַיין גֵיין. עֶר זָאל זִיךְ מִיט אִים דֶערְקֶענֶען.

**הָאט עֶר גִפְרֶעגְט** וֶוער וואוֹינְט דָא. הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. **אַ בַּעַל שֵׁם.** הָאט עֶר גִיטָאן אַ גְרוֹיס גִילֶעכְטֶער. אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם אַנְדֶערְן (דְהַיינוּ צוּם חָכָם דֶער שְׁלִיחַ) דָאס אִיז נָאךְ אַ לִיגְן אוּן אַ נַארִישְׁקֵייט. דָאס אִיז נָאךְ מֶער נַארִישְׁקֵייט אֵיידֶער דֶער טָעוּת פוּן דֶעם מֶלֶךְ.

**בְּרוּדֶער** אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילִין דָאס פַאלְשְׁקֵייט. וִוי אַזוֹי דִי וֶועלְט אִיז אִין טָעוּת אוּן אַזוֹי אַלִיגְן.

**דֶערְוַויילֿ זֶענֶען** זַיי הוּנְגֶערִיק גִיוֶוען. הָאבִּין זַיי בַּיי זִיךְ נָאךְ גִיפוּנֶען דְרַיי פִּיר גְרָאשְׁן. זֶענֶען זַיי גִיגַאנְגֶען אִין דֶער גָאר קֶעךְ אַרַיין. אוּן דָארְט קְרִיגְט מֶען עֶסְן אֲפִילוּ פַאר דְרַיי פִּיר גְרָאשְׁן. אוּן הָאבְּן זִיךְ גִיהֵייסְן גִיבְּן עֶסְן. הָאט מֶען זַיי גִיגִיבְּן.

**דֶערְוַויילֿ** וִוי זַיי הָאבְּן גִיגֶעסְן. הָאבְּן זַיי גִישְׁמוּסְט. אוּן הָאבְּן גִישְׁפֶּעט פוּן דֶעם לִיגְן אוּן פוּן דֶעם טָעוּת פוּן דֶעם **בַּעַל שֵׁם.** (וִוי דִי וֶועלְט אִיז זִיךְ טוֹעֶה)

**אוּן דֶער גָאר קֶעכֶער** הָאט גִיהֶערְט זֵייעֶרֶע רֵייד. הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן וָוארְן דֶער **בַּעַל שֵׁם אִיז דָארְט זֵייעֶר חָשׁוּב גִיוֶוען.**

**הָאט עֶר צוּ זַיי גִיזָאגְט.** עֶסְט אַייךְ אָפּ וָואס אִיר הָאט אוּן גֵייט אַייךְ אַרוֹיס פוּן דַאנֶעט.

**נָאךְ דֶעם** אִיז אָנְגִיקוּמֶען אַהִין. **אַ זוּן פוּן דֶעם בַּעַל שֵׁם.** אוּן זַיי הָאבְּן נָאךְ גִישְׁפֶּעט פוּן דֶעם **בַּעַל שֵׁם** דֶעם זוּן אִין דִי אוֹיגְן. הָאט זַיי דֶער גָאר קֶעכֶער אָנְגִישְׁרִיגְן נָאךְ וָואס זַיי שְׁפֶּעטְן פוּן דֶעם **בַּעַל שֵׁם** דֶעם זוּן אִין דִי אוֹיגְן.

**בִּיז דֶער גָאר קֶעכֶער.** הָאט זַיי גִישְׁלָאגְן גַאנְץ שְׁטַארְק. אוּן הָאט זַיי אַרוֹיס גִישְׁטוּפְּט פוּן זַיין שְׁטוּבּ.

**הָאט עֶס זַיי זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן.** הָאבְּן זַיי גִיוָואלְט זוּכְן אַ מִשְׁפָּט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט זַיי גִישְׁלָאגְן.

**הָאבְּן זַיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען.** זַיי וֶועלְן גֵיין צוּ זֵייעֶר בַּעַל הַבַּיִת. וָואס זַיי הָאבְּן דָארְט אָפְּגִילֵייגְט זֵייעֶרֶע פֶּעקְלֶעךְ. זַיי זָאלְן מִיט אִים אֵיין עֵצָה הַאלְטְן. וִוי אַזוֹי זַיי זָאלְן דֶערְלַאנְגֶען אַ מִשְׁפָּט אוֹיף דֶעם גָאר קֶעכֶער וָואס עֶר הָאט זַיי גִישְׁלָאגְן.

**זֶענֶען זַיי גִיגַאנְגֶען** אוּן הָאבְּן זֵייעֶר בַּעַל הַבַּיִת דָאס דֶערְצֵיילְט אַז דֶער גָאר קֶעכֶער הָאט זֵי זֵייעֶר גִישְׁלָאגְן. הָאט עֶר זַיי גִיפְרֶעגְט. פַארְוָואס. הָאבְּן זַיי אִים דֶערְצֵיילְט. וַוייל זַיי הָאבְּן גִירֶעט אוֹיף דֶעם **בַּעַל שֵׁם.**

**הָאט זַיי דֶער בַּעַל הַבַּיִת גִיעֶנְפֶּערְט.** סֶע אִיז אַוַודְאַי קֵיין יוֹשֶׁר נִיט אַז מֶען זָאל שְׁלָאגְן מֶענְשְׁן. לוּשְׁמִיר אִיר הָאט אָבֶּער גָאר נִיט רֶעכְט גִיטָאן. נָאךְ וָואס הָאט אִיר גִירֶעט אוֹיף דֶעם **בַּעַל שֵׁם.** וָוארְן דֶער **בַּעַל שֵׁם** אִיז דָא זֵייעֶר חָשׁוּב. הָאבְּן זַיי גִיזֶעהְן אַז עֶר אִיז אוֹיךְ אִין טָעוּת.

**זֶענֶען זַיי פוּן אִים אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.** אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען צוּם פָּקִיד. אוּן דֶער פָּקִיד אִיז גִיוֶוען אַ גוֹי. הָאבְּן זַיי אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אַז מֶען הָאט זַיי גִישְׁלָאגֶען.

**הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט.** פַארְוָואס. הָאבְּן זֵי גִיזָאגְט. וַוייל זַיי הָאבְּן גִירֶעט אוֹיף דֶעם **בַּעַל שֵׁם.** הָאט זַיי דֶער פָּקִיד אוֹיךְ גִיהַרְגֶעט גִישְׁלָאגְן. אוּן הָאט זַיי אַרוֹיס גִישְׁטוּפְּט.

**זֶענֶען זַיי פוּן אִים אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.** אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען צוּ אֵיין הֶעכֶערְן וָואס הָאט צוּ שְׁאפְן. אוּן הָאבְּן אַלְץ נִיט גִיפוֹיעֶלְט קֵיין מִשְׁפָּט.

**אוּן זֶענֶען אַזוֹי אַלְץ גִיגַאנְגֶען פוּן אֵיינֶעם צוּם אַנְדֶערְן.** אַלֶע מָאל צוּ אֵיין הֶעכֶערְן (אוּן הָאבְּן אַלְץ נִיט גִיפוֹעֶלְט נָאר מֶען הָאט זַיי גוּט גִישְׁלָאגְן אַלֶע מָאל)

**בִּיז זַיי זֶענֶען גִיקוּמֶען פַאר דֶעם מִינִיסְטֶער** (דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער תַּם כַּנַ"ל) אוּן דָארְט פַאר דֶעם מִינִיסְטֶער זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען וַואכְן. הָאט מֶען גִימֶעלְדֶעוֶועט פַאר דֶעם מִינִיסְטֶער. אַז אַ מֶענְשׁ בַּאדַארְף צוּ אִים. הָאט עֶר גִיהֵייסְן אַז עֶר זָאל אַרַיין גֵיין.

**אִיז דֶער חָכָם גִיקוּמֶען פַאר דֶעם מִינִיסְטֶער** וִוי עֶר אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען. הָאט אִים דֶער מִינִיסְטֶער תֵּיכֶּף דֶערְקֶענְט אַז דָאס אִיז דֶער חָכָם זַיין חָבֵר. אוּן דֶער חָכָם הָאט אִים נִיט דֶערְקֶענְט. מַחְמַת עֶר אִיז הַיינְט אִין אַזוֹי גְדוּלָה.

**הָאט תֵּיכֶּף דֶער מִינִיסְטֶער** אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ אִים צוּ רֵיידְן. אוּן עֶר הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט: זֶעה. צוּם וָואס. **מַיין תְּמִימוּת. הָאט מִיךְ גִיבְּרַאכְט** צוּ אַזוֹי אֵיין **גְדוּלָה.** אוּן צוּ וָואס. דַיין חָכְמָה. הָאט דִיךְ גִיבְּרַאכְט.

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ____________________

טעלפון ____________________

שטאט ____________________

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די ניינטע מעשה (4) - פונעם חכם מיטן תם

**א. וואס האט נאך געזאגט דער חכם פארן חכם השני דער שליח פון מלך?**
- ❑ אז נישט דער מלך האט דיר געשיקט נאר איינער פון די באדינערס.
- ❑ אז עס איז נישטא קיין מלך איף די וועלט.
- ❑ דער מלך האט נישט געמיינט באמת מיר צו רופן.

**ב. צו דען האט דער חכם דער שליח פון מלך, געזען אמאל דער מלך ?**
- ❑ ניין .
- ❑ יא.
- ❑ איינציגע מאל.

**ג. וואס האט חכם געזאגט פאר דער שליח פון מלך ווער דען פירט די מדינה ?**
- ❑ דער מיניסטער.
- ❑ דער מלך.
- ❑ די זיבעציג ראטהיירין (שרי יועצים).

**ד. וואס נאך האט דער חכם געזאגט פארן צוויטן חכם דער שליח פון מלך?**
- ❑ קום לאמיר פארן אויף דער וועלט.
- ❑ קום לאמיר עפעס עסן.
- ❑ קום לאמיר גיין צום תם און אים אויף ווייזן אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט.

**ה. וואס האט פאסירט מיט די חכמים נאך וואס זיי זענען געפארן אויף דער וועלט ?**
- ❑ זיי זענען זייער רייך געווארן.
- ❑ זיי האבן מצליח געווען צו באווייזן פאר די וועלט אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט .
- ❑ זיי זענען געווארן קבצנים פוס גייערס.

**ו. צו וועלכע שטאט זענען די חכמים אן געקומען אין זייער וועג?**
- ❑ אין די שטאט וואס דער חכם איז געבוירן
- ❑ אין די שטאט וואס דער תם וואוינט דארט.
- ❑ אין די שטאט וואס דער מלך וואוינט דארט.

**ז. וואס האבן די חכמים געזען אין פארנט פון דער בעל שם'ס שטוב ?**
- ❑ גרויסע הייליגע צדיקים.
- ❑ דער תם האט דארטן געווארט אויף אים.
- ❑ אסאך וועגעלעך מיט חולים.

**ח. וואס האט דער חכם געמיינט אז ווער וואוינט דארט ?**
- ❑ דער תם.
- ❑ א דאקטער.
- ❑ דער מלך.

**ט. פארוואס האט דער חכם געוואלט אריין גיין צו דעם בעל שם?**
- ❑ ווייל ער האט געוואלט א ברכה פון צדיק.
- ❑ ווייל ער האט געוואלט מוכיח זיין פארן בעל שם אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט.
- ❑ ווייל ער האט געמיינט אז דארט וואוינט א דאקטער, און ער האט געוואלט זיך מיט אים דערקענען.

**י. וואס האט דער חכם געזאגט ווען ער האט געהערט אז עס וואוינט דארטן א בעל שם?**
- ❑ דאס איז נאך א ליגן און א נארישקייט.
- ❑ דאס איז נאך מער נארישקייט איידער דער טעות פון דעם מלך.
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**יא. וואס האבן די חכמים געטאן אין גאר קעך (בית התבשיל)?**
- ❑ זיי האבן געשפעט פן דעם אז עס איז דא א מלך.
- ❑ זיי האבן געשפעט פן דעם בעל שם.
- ❑ זיי האבן געבעטן אסאך עסן.

**יב. וואס האט זיי געזאגט דער גאר קעכער?**
- ❑ זיי זאלן שנעל ארויס גיין פון גאר קעך.
- ❑ עסט אייך אפ און גייט ארויס פון דאנט.
- ❑ מען טאר נישט רעדן אינמיטן עסן.

**יג. וואס האט זיי דער גאר קעכער געטאן נאך ווען דער זון פון דער בעל שם איז אריין געקומען?**
- ❑ ער האט זיי געשלאגן גאנץ שטארק.
- ❑ ער האט זיי ארויס געשטופט פון זיין שטוב.
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**יד. וואס האט דער פקיד (דער גוי) געטאן פאר די חכמים אויף דעם וואס זיי האבן גערעדט אויפן בעל שם?**
- ❑ ער האט זיי געשלאגן גאנץ שטארק.
- ❑ ער האט זיי ארויס געשטופט פון זיין שטוב.
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**טו. וואס האט דער תם (דער מיניסטיר) געזאגט צום חכם ווען ער איז געקומען צו אים ?**
- ❑ זעה צו וואס מיין תמימות האט מיך געבראכט צו אזא גדולה.
- ❑ זעה צו וואס דיין חכמה האט דיך געבראכט.
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**טז. וואס לערנסטו זיך דערוייל פון די מעשה?**
- ❑ אז תמימות ברענגט א מענטשן צו אזא גדולה.
- ❑ אז חכמות ברענגט א מענטשן צו עניות.
- ❑ ____________________.

**מַיין תְּמִימוּת. הָאט מִיךְ גִיבְּרַאכְט צוּ אַזוֹי אֵיין גְדוּלָה - מיט אסאך הצלחה!!!**

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

דעם רבינ'ס ליכט

צו מאכן די בחינה און אריין גיין אין גורל רוף די טעלפאן ליין 02-5-3333-72 - ארה"ב 646-518-1095

דעם רבינ'ס מעשיות



שם ___________

טלפון ___________

עיר ___________

# מבחן בספורי מעשיות

## מעשה ט' (4) - מחכם ותם

**א. מה אמר עוד החכם לחכם השני, שליח המלך ?**
- ❑ שלא המלך שלח אותו, רק אחד השרים.
- ❑ שאין מלך בעולם כלל.
- ❑ שהמלך לא מתכוון באמת לקרוא לו.

**ב. למה החכם שליח המלך לא ראה המלך מימיו?**
- ❑ כי אין המלך מתראה רק בעתים רחוקות.
- ❑ כי הוא לא רואה טוב.
- ❑ כי המלך מתראה רק למי שהוא תם.

**ג. מה ענה החכם לשליח מי מנהיג המדינה?**
- ❑ המיניסטר.
- ❑ המלך.
- ❑ שבעים שרי יועצים.

**ד. מה אמר החכם עוד לחכם השני שליח המלך?**
- ❑ בא ונסע ונלך בעולם.
- ❑ בא לאכול עוד סעודה.
- ❑ בא נלך אל התם ונוכיח לו שאין מלך.

**ה. מה קרה לחכמים אחרי שנסעו בעולם ?**
- ❑ התעשרו מאוד מאוד.
- ❑ הצליחו להוכיח לכולם שאין מלך בעולם.
- ❑ נעשו עניים הולכי רגל.

**ו. לאיזה עיר באו החכמים בדרכם?**
- ❑ לעיר שנולד בו החכם.
- ❑ לעיר שדר בו התם.
- ❑ לעיר שדר בו המלך בעצמו.

**ז. מה ראו החכמים לפני הבית של הבעל שם?**
- ❑ צדיקים מופלגים מאוד.
- ❑ התם מחכה לו .
- ❑ כמה עגלות עם חולים.

**ח. מה חשב החכם, מי דר שם ?**
- ❑ התם.
- ❑ דאקטר.
- ❑ המלך.

**ט. למה רצה החכם להיכנס לבעל שם ?**
- ❑ כי רצה לקבל ברכה.
- ❑ כי רצה להוכיח אותו שאין מלך בעולם.
- ❑ כי חשב שהוא דאקטור, ורצה להכיר אותו.

**י. מה אמר החכם כששמע שדר שם בעל שם?**
- ❑ שזה שקר וטעות נפלא מאוד.
- ❑ שזה שטות יותר מטעות של המלך.
- ❑ שתי התשובות נכונות.

**יא. מה עשו החכמים בבית התבשיל?**
- ❑ התלוצצו על זה שיש מלך בעולם.
- ❑ התלוצצו על דבר הבעל שם.
- ❑ בקשו הרבה אוכל כי הם רעבים.

**יב. מה אמר להם בעל הבית התבשיל ?**
- ❑ שיצאו מיד מבית התבשיל.
- ❑ אכלו לכם מה שיש לפניכם וצאו מכאן.
- ❑ אין משיחין בשעת הסעודה.

**יג. מה עשה להם בעל הבית התבשיל, אחרי שנכנס לשם בן הבעל שם?**
- ❑ הכה אותם הכה ופצוע.
- ❑ דחפם מביתו.
- ❑ שתי התשובות נכונות.

**יד. מה עשה הפקיד(העכו"ם) לחכמים ע"ז שדברו על הבעל שם ?**
- ❑ הכה אותם הכה ופצוע.
- ❑ דחפם מביתו.
- ❑ שתי התשובות נכונות.

**טו. מה אמר התם (המיניסטיר) לחכם כשהגיע אליו ?**
- ❑ ראה תמימותי למה שהביא אותי לגדולה.
- ❑ ראה אל מה חכמתך הביאה אותך.
- ❑ שתי התשובות נכונות.

**טז. מה אתה לומד מהסיפור בינתיים?**
- ❑ שתמימות מביאה את האדם לגדולה.
- ❑ שחכמות מביאה את האדם לעניות.
- ❑ ___________________.

**רְאֵה תְּמִימוּתִי לְמַה שֶׁהֵבִיא אוֹתִי, לִגְדֻלָּה כָּזוֹ - בהצלחה!!!**

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך